בס"ד

גליון
# שיחתי

שיעורי הרב
משה יצחק אויסטערליץ
שליט"א

רא
פרשת האזינו תשפ"ז

מכון
שיחתי
שיעורי הרב משה יצחק אויסטערליץ שליט"א

## "הכנה ליום הקדוש"

### יעדער וויל זיין נאנט צום כהן גדול

דער הייליגער גאון **רבי יעקב עמדין** זי"ע אין זיין **סידור** שטעלט אויס דעם סדר הלימוד, אין וועלכע לימודים מען זאל עוסק זיין אין די זמנים פון די עשרת ימי תשובה. ער ברענגט ארויס אז מען זאל לערנען ספרי מוסר וואס ברענגען צו יראת שמים, און יעדער איינער זאל זיך אויסקלויבן "דעם ספר" וואס ער פילט אז דאס איז טאקע מעורר זיין הארץ, וואס וועט אים באמת אנרירן די טיפעניש פון זיין הארץ זיך צו דערוועקן בתשובה.

"בעיקר" שרייבט ער מיט זיין לשון, אז מען זאל לערנען **בעבודת יום הכיפורים ודיניו,** עוסק זיין אין די סוגיא פון **מסכת יומא** איבער די עבודה פון יום כיפור. נאך א לימוד אין וואס מען דארף עוסק זיין, איז צו לערנען די **תפילות** און די **פיוטים**, כדי מען זאל פארשטיין וואס מען גייט זאגן. דער וואס קען עפעס טיפערס פון דעם, שרייבט ער, ווער עס איז בא בסוד ה' זאל אויך עוסק זיין אין **קבלה** און אין **סתרי תורה**, ווייל די אלע ענינים אין וואס מען איז עוסק אין די דאזיגע טעג, האבן אין זיך אזעלכע טיפע, הייליגע און הויכע סודות.

כדי אנצורירן אביסל וואס עס האט צו טון מיט די עבודת יום הכיפורים, וועלן מיר פרובירן בס"ד ארויסצונעמען איין נקודה.

אין מסכת יומא באגעגנט מען דארטן דעם וועג וויאזוי מען האט גערעדט צום כהן גדול; ווען מען האט אים געוואלט זאגן ער זאל עפעס טון, האט מען גערעדט צו אים בדרך כבוד, און די לשון איז געווען **"אישי כהן גדול"**. וואס טייטשן די ווערטער "אישי כהן גדול"? "איש" מיינט געווענליך א מאן, אבער "איש" איז אויך א לשון חשיבות, איינעם וועם מען האלט פאר א שר. ווען מען האט געוואלט רעדן צום כהן גדול, האט מען גערעדט צו אים מיט א לשון פון כבוד: **"אישי** כהן גדול". לויט דעם וואלט אפשר ענדערש געפאסט עס זאל שטיין **"אדוני** כהן גדול". פארוואס האט מען דא געבאַרגט דעם לשון "אישי", וואס געווענליך ווערט עס גענוצט לגבי א "מאן "פון א משפחה אנדערש ווי מען טרעפט געווענליך, אז ביי א מלך זאגט מען **"אדוני** המלך"?

דער הייליגער **בני יששכר** זי"ע זאגט אין זיין ספר **ברכה משולשת**, אז עס ליגט אין דעם א שטארקע ענין וואס די משנה וויל ארויסברענגען מיט דעם וואס מען האט געזאגט "אישי כהן גדול".

וואס איז טאקע דער חילוק אין לשון הקודש? די לשונות וואס מען נוצט אויף א מאן, נוצט מען אויך אויף א בעל הבית. א "בעל", וואס מען טייטשט געווענליך א מאן, מיינט אויך א בעל הבית פון א זאך, ווי "בעליו עמו". אויב אזוי, ווען נוצט מען 'דעם' לשון פאר א בעל הבית און ווען נוצט מען 'יענעם' לשון?

ווען איינער דינט א בעל הבית ווייל ער 'מוז', ווייל יענער איז

שטערקער פון אים און ער איז אנגעוויזן אויף זיין געהאלט, דעמאלטס הייסט ער אן "אדון" - א האר וואס מען דינט אים - געצווינגענערהייט און מען איז אונטערגעווארפן אונטער אים. אבער אויב איינער דינט איינעם, אפילו ער איז טאקע א בעל הבית און מען איז טאקע אנגעוויזן אויף אים, אבער מען האט **באמת א הנאה און א תשוקה** אים צו קענען באדינען, דעמאלטס טוישט זיך עס פונעם לשון "**בעל**" צום לשון "**איש**".

מען זעט אין פסוק אז לעתיד לבוא וועט זיין א חילוק אין די נאנטקייט פון אידישע קינדער צום אייבערשטן קעגן יעצט אין גלות. דער פסוק זאגט אז מען וועט אים מער נישט רופן "בעלי", נאר מען וועט אים רופן "אישי" - "**תקראי לי אישי ולא תקראי לי עוד בעלי**". מען זעט פון דעם, וואס איז דער טויש פון בעל צו איש? ביידע מיינען דאך א מאן. נאר "בעל" מיינט א בעל הבית וואס מען דינט אים ווייל מען מוז, און לעתיד לבוא וועט די השתוקקות צו עבודת השם זיין אזוי גרויס, אז מען וועט שוין מער נישט נוצן דעם לשון "בעל" - א בעל הבית וואס מען מוז עס טון - נאר אויף אן אופן פון "אישי", איינער וואס מען וויל עס טון צוליב חביבות.

לויט דעם איז דער חילוק אזוי, ביי א מלך, האט מען דען א ברירה? מען 'וויל' באדינען דעם מלך? מען מוז עס סייווי טון מחמת יראה, דעריבער זאגט מען "אדוני המלך". אבער איינער וואס קען שטיין ארום דעם כהן גדול אין די זמנים ווען ער איז עוסק אין דער **חשוב'סטער און הייליגסטער עבודה וואס איז דא**, ווער פילט נישט קיין זכיה צו באדינען דעם וואס גייט אריין "לפני ולפנים", דער וואס איז דעם אייבערשטנ'ס א בן בית? דעריבער איז די גאנצע באהאנדלונג און די גאנצע שפראך ארום דעם כהן גדול געווען מיט דעם גרעסטן כבוד, אבער יעדער האט ארויסגעברענגט: "אישי כהן גדול" - **איך האב אזא תשוקה צום כהן גדול און איך פיל עס פאר אזא זכיה און אהבה**, וואס אימער מען קען נאר טון צו האבן א שייכות מיט דעם בן בית פונעם קדוש ברוך הוא. אזוי לערנט דער בני יששכר פשט אין דעם לשון "אישי כהן גדול".

בזמן הזה, ביז מיר וועלן זוכה זיין בקרוב בימינו צו "והשב את העבודה **לדביר ביתך**" - וואס דאס גייט ארויף אויפן ענין פונעם **דביר המוצנע**, די עבודה פון קענען אריינגיין נאכאמאל דינען דעם אייבערשטן אין קדשי קדשים - האט יעדער איינער אויך א **השתוקקות** צו האבן א "שייכות" צום **כהן גדול**. אזוי ווי מען זעט אין די ספרים הקדושים, אז דאס וואס מען דארף זיך גרייטן אויפן יום הקדוש און זיין פארנומען מיט דער עבודת כהן גדול און די עבודה פון יום כיפור, האט אין זיך צוויי חלקים.

איין חלק איז פשוט: וויבאלד מיר האבן נישט די עבודה בפועל, דורך דעם וואס מען לערנט די הלכות און מען איז עוסק אין דעם, איז דאס א בחינה פון "ונשלמה פרים שפתינו". פשוט דורך דעם ווערן געטון די אלע פעולות און עס איז ממשיך די גרויסע כפרה. עס זענען געווען צדיקים - באקאנט פון הרה'ק רבי **איציקל סקווערער** זי'ע, וואס האט געהאט גילויים פון די בחינה פון **רבי ישמעאל כהן גדול**, און פונעם רבי'ן ר' הערש פון רימנוב זי'ע- וואס מען האט געזען אויף זיי ווי זיי האבן ממש בפועל געטון אין זייער מציאות די **עבודת כהן גדול בזמן הזה**. אבער עס איז אויך דא נאך אן ענין, נאך א וועג וויאזוי מען לערנט אפ דאס וואס מען איז עוסק אין די טעג אין עבודת יום הכיפורים, וואס דאס איז שטערקער מעורר צו תשובה און תפילה. די תכלית פון די טעג איז דאך אויסצופועל'ן די אלע גרויסע ענינים, וואס אין אזא הויכע צייט, קען מען אסאך שטערקער מעורר רחמים זיין. און ווי מער דאס **הארץ איז משתוקק**, ווי מער עס איז דא א **צובראכנקייט** און **געגועים**, טוט מען דאך שטערקער מתפלל זיין און אוודאי שטערקער מעורר רחמים זיין.

דער הייליגער **נועם מגדים** ברענגט ארויס אז דער חילוק צווישן ראש השנה און יום כיפור איז, אז ראש השנה האט מען א שופר וואס איז מעורר צו תשובה, אבער יום כיפור האט מען נישט קיין שופר. וויאזוי ווערט מען נתעורר אין יום כיפור? יום כיפור ווערט מען נתעורר מיט דעם וואס מען פילט אז **עס פעלט אונז די עבודת כהן גדול**; דאס צוברעכט דאס הארץ, און דאס ברענגט שוין די התעוררות אפילו "אן א שופר". דאס הייסט אז מען דארף אינזין האבן טאקע אויסצופועל'ן די אלע עבודות און ממשיך זיין דעם "כשלג ילבינו", א ריכטיגע און פולקאמע כפרה פאר אלע אידישע נשמות. דורך דעם וועט מען נתעורר ווערן ארויסצוברענגען אז עס זאל שוין נתגלה ווערן די מלכות שמים בעולם, וואס דאס איז

דאך דער עיקר תכלית פון די אלע תפילות. דורך דעם וואס אידן האבן א צובראכן הארץ און געגועים, ווערן די אלע זאכן נענטער צום הארץ, אלס מער איז מען עוסק אין דעם מיט אהבה און בענקשאפט צו דעם "אישי כהן גדול".

## זמנים וואס מען "וויל" – נישט נאר מען "מוז"

אפשר קען מען אויך אפלערנען דעם חילוק צווישן "בעלי" און "אישי", לגבי אונזער עבודת השם. וואס איז נוגע צו אלע מצוות ומעשים טובים און די אלע זכותים וואס אידן זוכן "אריינצוכאפן" וואו מען געבט זיך נאר א דריי אין די דאזיגע זמנים. עס איז אויך אזא סארט בחינה, וואו מען טוט נישט נאר דאס וואס מען "מוז", נאר מען זוכט וואס מער; וויפיל מען קען נאר אריינכאפן עפעס אן ענין פון עבודת השם, א מצוה, סיי בין אדם למקום און סיי בין אדם לחבירו.

מען האט געזאגט ראש השנה אין די תפילה פון "היום הרת עולם" צוועלף מאל – זעקס מאל יעדן טאג פון ראש השנה: "אם כבנים רחמנו כרחם אב על בנים, ואם כעבדים עינינו לך תלויות". עס שטייט אין הייליגן ספר **"אור פני משה"** פרשת האזינו, וואו ער טייטשט אז די צוויי צדדים פון **"אם כבנים"** און **"אם כעבדים"** גייען ארויף אויף **ראש השנה** און **יום כיפור**. איז ער מסביר אזוי: איינער וואס קומט אן צו ראש השנה נאך א גאנצן חודש אלול, וואס ער האט זיך באמת געגרייט מיט א תשובה שלימה, ער געפינט זיך זיכער אויף א ריכטיגע מדרגה פון "בנים למקום", און אזא איינער האט שוין **ראש השנה זוכה געווען צו א כתיבה וחתימה טובה.** אבער אויב איינער האט דעם חודש אלול נישט אויסגענוצט ווי עס דארף צו זיין, קען זיין אז דעם ריכטיגן טיטל "בנים" האט ער שוין אביסל פארפאטשקעט. אבער אפילו הכי געבט מען אים אויך א געלעגנהייט, מען **געבט אים די עשרת ימי תשובה זיך צוגרייטן אנצוקומען צו יום כיפור.** און אז מען קומט אן צו יום כיפור, אפילו די בחינה פון "עבדים" זענען דאך "תלויים ועומדים" ביז יום כיפור, האט מען ווייטער א האפענונג אז דער אייבערשטער וועט אונז העלפן, "שתחננו ותוציא כאור משפטנו".

אין די וואכעדיגע פרשה שטייט "שחת לו לא בניו מומם". עס שטייט צוויי מאל "לו", איינמאל **"לא"** מיט אן א' און איינמאל **"לו"** מיט א ו', וואס אינאיינעם זענען זיי די אותיות **"אלול"**. טייטשט ער עס אביסל אויף א שארפן אופן: **"שחת לו לא"** – דער וואס האט שוין פארפאטשקעט דעם אלול און נישט אויסגענוצט דעם חודש ווי עס דארף צו זיין, ביי אים איז **"בניו מומם"** – דער טיטל "בניו" האט שוין א שטיקל מום, עס איז שוין אביסל פראבלעמאטיש. מען זאל זיך אבער חלילה נישט מייאש זיין צוליב דעם, נאר פארקערט, מען זאל זיך יעצט מחזק זיין און פרובירן אנצוקומען כאטש צו יום כיפור, כדי דעמאלט זוכה צו זיין. און "אם כבנים" זאגט מען ראש השנה: אויב מיר האבן יא געפראוועט א גאנצן אלול ווי עס דארף צו זיין און מיר זענען "בנים", איז שוין **יעצט** "רחמנו כרחם אב על בנים". אבער "אם כעבדים" – אויב מיר זענען נאכנישט ממש זוכה געווען צו הייסן שלמות'דיגע בנים, אויף דעם איז דאך דא "עינינו לך תלויות". **"תלויות"** איז דאך די לשון הגמרא אויף די בינונים וואס זענען "תלויים ועומדים" ביז יום כיפור. אויף דעם איז דאך דא אן עצה צו זיין **תלויים** ועומדים, און מיר גייען עס נישט אויפגעבן; מיר גייען ווייטער ארבעטן ביז יום כיפור, און דעמאלט זוכה זיין צו "שתחננו ותוציא כאור משפטנו", און **יום הכיפורים וועט נגמר ווערן די חתימה לטובה.**

אפשר לויטן דרכו בקודש פונעם "אור פני משה", אז די ווערטער "ואם כעבדים עינינו לך תלויות" גייען ארויף אויף ווען מען **האפט נאך און מען קוקט ארויס צום הייליגן טאג יום כיפור.** אפשר קען מען אין די ווערטער "עינינו לך תלויות" אויך ארויסברענגען "וויאזוי" מען זאל טאקע צוגיין צו יום כיפור. און דאס איז טאקע געבויט אויף דעם וואס מען האט דערמאנט דעם לשון "אישי כהן גדול", אז מען האט אזא השתוקקות און מען פילט עס פאר א זכיה וואס מען קען טון.

מען קען עס אפשר בעסער ארויסברענגען מיט דעם ענין פון עקידת יצחק, וואס מען האט טאקע שוין געליינט ראש השנה, אבער לויט ווי עס איז אנגענומען אין די מדרשים איז עס געווען אינ'ם טאג יום כיפור. עס איז דא א שטארק באקאנט ווארט פונעם הייליגן **"אגרא דכלה"** דארט אין פרשת וירא, וואס ער ברענגט ארויס פארוואס ביים אנפאנג, ווען עס איז געקומען דער ציווי, שטייט

"ויאמר אליו **אברהם** ויאמר הנני", אבער שפעטער ווען ער האט אים געדארפט זאגן "אל תשלח ידך אל הנער", שטייט "**אברהם אברהם**" צוויי מאל. זאגט ער אז אברהם אבינו איז דאך אלעמאל געשטאנען און געווארט ווען ער קען טון דעם רצון השם. און ווען איינער שטייט און ווארט צו קענען טון דעם רצון השם, יעדע רגע שטייט ער און ווארט: אפשר יעצט ווערט דער אייבערשטער אים עפעס זאגן? אזוי ווי דער אייבערשטער זאגט נאר איין מאל זיין נאמען "**אברהם**", איז ער שוין דא – "**הנני**"; דאס איז ווייל ער איז מוכן ומזומן יעדע רגע פון טאג. מה שאין כן בשעת ער האט עוסק געווען עוסק אין די "**עקידה**," וואס ער איז דאך דעמאלט געווען אזוי דבוק און ער טוט יעצט דעם רצון השם פון שחטן זיין זון, האט מען אים געדארפט "אויפוועקן" כדי אים ארויסצושלעפן פון זיין דביקות. דאס ערשטע מאל "אברהם" האט ער אפילו נישט געהערט, האט מען געמוזט זאגן "**אברהם, אברהם**", ביז ער האט זיך אויפגעוועקט אז מען וויל עפעס פון אים.

[מיט א היינטיגן גשמיות'דיגן משל קען מען עס זייער גוט ארויסברענגען: מענטשן דרייען זיך ארום מיט א טעלעפאן. אמאל שטייט מען און מען ווארט זייער וויכטיג אז איינער זאל רופן, מען ווארט שוין קוים אז יענע קאמפאני זאל צוריקרופן, דעמאלט האלט מען דעם טעלעפאן גרייט די גאנצע צייט; אזוי ווי יענער רופט, ביים ערשטן קלינג הייבט מען שוין אויף, ווייל מען "**ווארט אויפ'ן רוף**". מה שאין כן איינער וואס איז פארטון אין זיינע זאכן, רופט מען איהם עטליכע מאל ביז ער הערט אז דער טעלעפאן קלינגט און ביז ער הייבט אויף.]

אוודאי זענען אברהם אבינו'ס מדרגות געווען פיל העכער פון אונזער מדריגה. זיין גאנץ לעבן איז געווען איין שטיק השתוקקות צום רצון השם, אבער דאך האט יעדער איינער, יעדעס אידיש קינד, א חלק דערפון וויאזוי **ער קען עס מקרב זיין צו זיך**. כאטש אין די "זמנים" וואס מיר ווילן אזוי שטארק

> די תכלית פון די טעג איז דאך אויסצופועל'ן די אלע גרויסע ענינים, וואס מען קען אסאך שטערקער מעורר רחמים זיין.

אויסנוצן די טעג און נתקרב ווערן צום אייבערשטן, לעבט מען אויף אזא אופן אז מען טוט נישט נאר זאכן וואס מען דארף רופן און בעטן און דערמאנען "טו די מצוה", נאר מען שטייט און מען קוקט ארויס: אפשר רופט מען יעצט? אפשר וויל מען יעצט עפעס? אפשר געבט מען יעצט א געלעגנהייט צו טון א מצוה? און אויף אזא אופן, אפילו לאמיר זאגן מיר זענען בגדר "עבדים", אבער מיר זענען **אזעלכע מיני עבדים וואס שטייען גרייט מיט האפענונג יעדע רגע** אז מען וועט זיי געבן נאך עפעס א זכות אריינצוכאפן, קומט זיי זיכער "שתחננו".

דארף מען דאס אזוי טייטשן:"ואם כעבדים" – אויב מען דארף אויף אונז ווארטן ביז יום כיפור ווייל מיר זענען אפשר נאר בגדר עבדים, לאמיר כאטש זיין "אזעלכע עבדים" וואס "**עינינו לך תלויות**", וואס אונזערע אויגן קוקן די גאנצע צייט צו דיר; [מיר קוקן די גאנצע צייט אויפ'ן טעלעפאן צי אפשר רופט מען יעצט.] מיט אזא אופן פון אריינכאפן וואס מער רצון השם און וואס מער זכותים דורך דעם "עינינו לך תלויות", וועט דער הייליגער טאג אוודאי זיין "**תחננו ותוציא כאור משפטנו**". ממילא קען מען אפילו אין די עבודה וואס מיר האבן היינטיגע צייטן ביז דערוויל, ביז צו די עבודת כהן גדול, אויך האבן די בחינה פון "**אישי** כהן גדול" – דעם חפץ און די השתוקקות צו קענען וואס מער טון דעם רצון השם אין דעם געוואלדיגן זמן.

## "צען טעג" צווישן ראש השנה און יום כיפור

אין מסכת ברכות,לערנען מיר א גמרא איבער די הלכה וואס מ'איז מקיים אין די עשרת ימי תשובה. אז אין די טעג צווישן ראש השנה און יום כיפור דארף מען זאגן "המלך הקדוש" און "המלך המשפט". עס איז דא דארט א לשון אין די גמרא וואס אויפ'ן ערשטן בליק זעט עס אויס ווי א פשוט'ע און געווענליכע לשון, אבער ווען מ'שטעלט זיך אפ עס צו טייטשן, זעט מען אז עס גייט שווער. די גמרא

זאגט אין מסכת ברכות (דף י"ב) אז די "**עשרה ימים שבין ראש השנה ליום כיפור**", דעמאלטס דארף מען זאגן ביים דאווענען "**המלך הקדוש**". שפעטער ניצט די גמרא אן אנדערע לשון, די גמרא פרעגט: "אימתי" - ווען ווערט מקוים דער פסוק וואס מ'זאגט אין די הייליגע טעג ביי די ברכה פון המלך הקדוש, "**ויגבה ה' צבאות במשפט**"? אויף דעם ענטפערט די גמרא: "אלו עשרה ימים שבין ראש השנה **ועד** יום כיפור".

דער דיוק דא איז לכאורה זייער שטארק: עס זענען דא "צען טעג אינאיינעם" פון דעם אנהייב פון ראש השנה ביז נאך יום כיפור, אבער "צווישן" ראש השנה און יום כיפור זענען דאך נישטא קיין צען טעג; צווישן ראש השנה און יום כיפור זענען דאך נאר פארהאן "זיבן טעג." דער הייליגער בני יששכר שרייבט אין "**מגיד תעלומה**" איין וועג דאס צו פארענטפערן, אז דאס ווארט "ראש השנה" מיינט נישט דעם גאנצן יום טוב וואס מיר רופן "ראש השנה", וואס באשטייט פון צוויי מעת-לעת'ן, נאר "ראש השנה" מיינט ממש "דעם שפיץ", **די ערשטע רגע פון דעם יאר**. לויט דעם קומט אויס אז "צווישן ראש השנה" - דהיינו די ערשטע רגע פון יאר - ביז יום כיפור, קומען שוין צו נאך צוויי טעג, וואס מאכט דעם חשבון אביסל גרינגער, אבער עס איז נאך אלץ דא "איין טאג" צופיל, ווייל פון די ערשטע רגע פון יאר ביז יום כיפור זענען נאר דא "ניין טעג" און נישט קיין "צען". אויב אזוי, וויאזוי טייטשט מען "בין ראש השנה **ועד** יום כיפור"?

אויף דעם זאגט דער "מגיד תעלומה" א פשט, אז קודם זעט מען פון דעם לשון הגמרא וואס איז מדקדק צום שרייבן ביי דעם צווייטן מימרא, אז דאס איז דווקא "עד יום כיפור" אז **יום כיפור** אליין גייט שוין נישט אריין אין דעם טיטל פון "ימי דין" אז מ'זאל קענען זאגן אויף אים "ויגבה ה' צבאות במשפט", נאר יום כיפור אליין ווערט שוין באטראכט אלס א "**יום רחמים**". אין דעם טאג **ווערן די רחמים פונעם אייבערשטן נתמלא אויף אידישע קינדער**, און דער אייבערשטער איז מוחל ברוב רחמיו. דער בני יששכר שרייבט דארט אז ער איז טאקע נישט צופרידן פון די וואס זאגן אין דעם נוסח פון "מי שברך" פאר יום כיפור "לכבוד **יום הדין**", ווייל עס איז שוין נישט קיין **יום הדין** נאר א **יום הרחמים**. עס זענען טאקע דא וואס פירן זיך צו זאגן פשוט "לכבוד היום", (דרכי חיים ושלום)ווייל מען וויל נישט ארויסזאגן דאס ווארט "יום הדין" אויף א טאג וואס על פי סוד און פנימיות איז שוין **כולו רחמים**.

לויט דעם איז פארענטפערט פארוואס די גמרא זאגט אז "ויגבה ה' צבאות **במשפט**" איז "**עד יום כיפור**", ווייל יום כיפור אליין איז שוין נישט קיין **ענין פון משפט** נאר א טאג וואס איז **כולו רחמים**. אבער למעשה שטימט נאך אלץ נישט דער חשבון פון די "עשרה ימים"; די גמרא וואלט דאך געדארפט זאגן "אלו **תשעה** ימים שבין", וואס זענען צווישן די ערשטע רגע פון ראש השנה ביז יום כיפור? אויף דעם זאגט דער "מגיד תעלומה" אז מען קען דאס אזוי פארענטפערן: אויפ'ן לוח זענען טאקע נאר דא "ניין טעג" פון אנהייב ראש השנה ביז יום כיפור, אבער דעם ניינטן טאג - דהיינו ערב יום כיפור - קען מען רעכענען פאר צוויי טעג, ווי חז"ל זאגן: "כל האוכל ושותה בתשיעי מעלה עליו הכתוב כאילו התענה תשיעי ועשירי". אזוי ווי אין **דעם טאג** אליין קען מען האבן **צוויי טעג** אינאיינעם, קען מען עס רעכענען פאר צוויי. ממילא, לערנט מען אזוי פשט אין די גמרא: עס זענען דא "**עשרה ימים**" - צען טעג פון די ערשטע רגע פון ראש השנה ביז'ן "אנהייב" פון יום כיפור; ניין טעג זענען פשוט, און דער צענטער קומט ווייל דער ניינטער טאג ווערט גערעכנט פאר צוויי. און דערנאך קומט מען אן צום צענטן טאג (יום כיפור), וואס דאס איז שוין נישט קיין ענין פון משפט נאר אינגאנצן אן ענין פון יום הרחמים. אזוי לערנט דער "מגיד תעלומה" פשט אין די גמרא "עד יום כיפור" - אז יום כיפור איז שוין נישט אין דעם חשבון, ווייל דאס איז "**גאר עפעס אנדערש**".

## חשיבות פון די "צווישן טעג"

עס איז פארהאן א שטיקל משמעות צו פארענטפערן די לשון הגמרא אפשר מער אויף א "פשטות'דיגע" אופן, לויט ווי מען קען אפלערנען פון די ווערטער פונעם הייליגן **בית יוסף** אין זיין חיבור אויף די תורה "**דרשות בית יוסף**" (וואס איז אריינגעדרוקט אין די ספרים וואס זענען ארויסגעגעבן געווארן דורך הוצאת בית הלל פון רבי הלל גאלדשטיין ע"ה). אין **פרשת בא** רעדט דער הייליגער בית יוסף ארום אז ווען מען טרעפט צוויי גרויסע זמנים אין א נאנטע צייט, מאכט עס אז **דער זמן אינמיטן זאל אויך נתקדש ווערן**. למשל ביי יום טוב פסח: בעצם וואלט

דער יום טוב נאר געדארפט זיין **דער טאג פון יציאת מצרים** און **דער טאג פון קריעת ים סוף**, אבער אויב מען האט יציאת מצרים פון איין זייט (ט"ו ניסן) און קריעת ים סוף פון די אנדערע זייט (כ"א ניסן), וואלט דאך נישט געווען קיין פשט אז די טעג אינצווישן זאלן בלייבן "פשוט'ע טעג". דעריבער האט די הייליגע תורה באשטימט אז זיי זאלן אויך האבן א קדושה, ווייל זיי געפינען זיך "צווישן" צוויי זמנים.

זאגט דארט דער בית יוסף אז לויט דעם איז דער פשט לגבי אונזער זמן, אז בעצם וואלטן נאר די צוויי הויפט טעג געדארפט זיין **ימי רחמים** און א **זמן פון תשובה** - דהיינו **ראש השנה** און **יום כיפור**. אבער אזוי ווי ראש השנה איז אזוי נאנט צו יום כיפור, **קען נישט זיין אז די טעג אינצווישן זאלן נישט פארדינען א מעלה יתירה.** צוליב דעם וואס זיי זענען צווישן אזעלכע צוויי זמנים, האבן זיי באקומען זייערע כוחות און די מתנה פון "דרשו ה' בהמצאו". ממילא, הגם דער חשבון איז נישט אז עס זענען דא פונקטליך צען טעג אינצווישן, וויל די גמרא דאס מסביר זיין אזוי: ווייסטו **פארוואס** די צען טעג האבן א חשיבות? ווייל זיי געפינען זיך "**בין** ראש השנה ליום הכיפורים". וויבאלד זיי נעמען אריין דעם אנהייב פון ראש השנה און דעם סוף פון יום כיפור, און אזעלכע זמנים וואס זענען אינצווישן טוען זיי אזוי צוזאמברענגען, זענען זיי גאר חשוב. דאס איז דער פשט **"אלו עשרה ימים"** - וואס איז די חשיבות פון די צען טעג? ווייל עס "שווימט ארום" **צווישן ראש השנה און יום כיפור.** אוודאי זענען דא צען טעג אינצווישן, נאר די צען טעג אלס "איין גאנצע זאך" האבן א חשיבות, ווייל דער "צווישן-חלק" ווערט מיטגענומען מיט די מעלה יתירה פון די טעג פארדעם און נאכדעם.

דארט אין א לענגערן שמועס איז ער מסביר נאך פלעצער וואו מען זעט די בחינה, אז אויב "לפניו ולאחריו" האבן גרויסע כוחות, ווערן די טעג אינצווישן אויך שטארק נתקדש מיט א מעלה יתירה. דאס איז מער קרוב לפשוטו לויט'ן הייליגן בית יוסף.

## "צען-טעג" – "טעג" פון "צען"

דער הייליגער "**מאור ושמש**" אין די וואכעדיגע פרשה, פרשת האזינו, פרעגט אויך אן ענליכע קשיא, נישט אויף די לשון הגמרא, נאר ער שטעלט זיך אויף א שטיקל **זוהר הקדוש** וואו עס קומט אויך פאר די זעלבע שוועריגקייט, און דער "מאור ושמש" פארענטפערט דאס אויף אן אנדערן אופן. למחרת יום הכיפורים איז דאך געווען דער טאג פון "ויקהל משה", ווען די אידישע קינדער זענען געקומען און מען האט געמאלדן אז מען גייט בויען א משכן און מען האט געברענגט אלע נדבות. עס זענען דא גרויסע יסודות וואס דער זוהר הקדוש טייטשט אויס באזירט אויפ'ן חשבון פון די אלע נדבות המשכן. דער זוהר הקדוש געפינט זיך אין פרשת תרומה, און דער מהלך פון דעם זוהר הקדוש גייט אזוי: ערשטנס, זענען דא עטליכע וועגן וויאזוי מען רעכנט עס אויס. רש"י רופט עס אן **דרייצן** זאכן וואס מען האט דארט מנדב געווען. אונז זעען מיר אבער אין חומש **פופצן** זאכן. עס זענען דא עטליכע וועגן וויאזוי מען קען רעכענען וואס ווערט צוזאמענגעשטעלט און וואס עס ווערט אפגעטיילט.

לויטן זוהר הקדוש שלפנינו - דער "מאור ושמש" ברענגט עס אראפ גאנץ בקיצור, אבער לויט ווי מען זעט אינעווייניג אין זוהר הקדוש - רעכנט מען אז די **ערשטע זעקס** נדבות: **זהב**, **כסף**, **נחשת**, **תכלת**, **ארגמן** און **תולעת שני**, דאס זענען אלע "ימים טובים" פון דעם יאר. יעדע יום טוב האט זיין סיבה פארוואס די איז "זהב", פארוואס די איז "כסף", און אזוי ווייטער. [דער "בני יששכר" ביי חמשה עשר באב איז מעתיק דעם שטיקל זוהר.] אויב אזוי, האבן מיר שוין גערעדט פון "זעקס" זאכן.

נאכדעם זאגט דער זוהר הקדוש: וואס זענען די איבעריגע זאכן? די איבעריגע זאכן זענען די **עשרת ימי תשובה.** שטעלט זיך דער הייליגער "מאור ושמש": אז דו האסט שוין גערעכנט אין נדבה פאר **ראש השנה** און איינס פאר **יום כיפור**, האסטו שוין נישט נאך "צען" זאכן צו רעכענען פאר די עשרת ימי תשובה, ווייל ראש השנה און יום כיפור זענען דאך א חלק פון די עשרת ימי תשובה. ממילא קומט ער צו, צו די זעלבע נקודה: פארוואס הייסט עס "עשרת" ימי תשובה אויב עס זענען שוין אראפגעגאנגען דריי טעג - די צוויי טעג ראש השנה און יום כיפור?

ענטפערט דער מאור ושמש אז דאס ווארט "עשרת ימי תשובה" האט א טיפערן טייטש ווי בלויז די "צאל" פון צען טעג. מען דארף עס ארויסברענגען אזוי: **ימי תשובה האבן אן עבודה פון "עשר"** (צען). וויפיל טעג עס זענען דא אויפ'ן לוח, דאס קען זיין אן אנדערע חשבון. "ימי תשובה איז

עשרת" מיינט אז די עבודה אין די טעג האט צוטון מיט דעם ענין פון צען. ממילא, נישט קיין חילוק וויפיל טעג עס זענען פאקטיש דא, איז אלץ דער יסוד אז דאס זענען ימי תשובה וואס האבן אין זיך די הארה פון צען.

וואס מיינט דאס "ימי תשובה האבן אין זיך די הארה פון צען"? ווייל יעדע זאך אין קדושה גייט מיט צען מדריגות. דער חודש הייסט דאך "תשרי". פארוואס הייסט דער חודש תשרי? עס שטייט אין מדרש אין פרשת אמור, לויט די לשון וואס מען וועט באגעגענען אז ווען מען וועט אנהייבן "כל נדרי", וועט מען דארט טרעפן די לשון "כולהון יהון **שרן**", וואס דאס איז א לשון פון אויפבינדן און מתיר זיין. "שביתין", "שביקין" - אלעס וואס מען בינדט אויף און מען לאזט איבער האט דעם שורש פון "שרן", וואס איז די זעלבע אותיות ווי "תשרי". דאס איז דער **חודש תשרי**, ווען דער אייבערשטער "בינדט אויף", ער לאזט אפ, ער איז מוחל אויף חטאים ועוונות, און מען קומט ארויס ריין; וויבאלד עס איז א חודש פון "**שביתין**", "**שביקין**" און "**שרן**", הייסט עס **תשרי**.

אן אנדערע לשון איז, אז "תשרי" איז א לשון פון אויפבינדן, ווייל מען טוט אזויפיל מצוות אין דעם חודש, אז דאס בינדט אונז אויף פון דעם וואס די קליפות ווילן חס ושלום טון. אידישע **קינדער בינדן זיך אויף פון די מקטרגים און טוען זיך צובינדן צום אייבערשטן.** דער נאמען תשרי ברענגט דאך ארויס מורא'דיג שטארק דעם כח פון "מחילת עוונות" און דעם כח פון די "אלע מצוות".

## גימטריא פון "תשרי" "צען מאל" אזויפיל...

אויב אין דעם ווארט "תשרי" ליגן אזוי שטארק אלע ענינים וואס אידישע קינדער זענען זוכה צו ווערן ריין, זיך צובינדן צום

> ווייסטו פארוואס די צען טעג האבן א חשיבות? וויבאלד זיי נעמען אריין דעם אנהייב פון ראש השנה און דעם סוף פון יום כיפור,

אייבערשטן און זיך אויפבינדן פון די מקטרגים, דארף מען עס אויך טרעפן אין די פנימיות. מיר קענען נישט קיין גרויסע סודות, אבער איין באקאנטן רמז ווייסט יעדער איינער: אז דער יחוד פון די צוויי נעמען פונעם אייבערשטן, **הוי"ה** און **אדנ"י**, באטרעפט איין און ניינציג (91). דאס איז א יחוד וואס א אידיש קינד טוט מיט זיינע הייליגע מצוות און מעשים טובים; מיט יעדע ענין מאכט מען א יחוד. געווענליך ווען מען רעדט פון א יחוד, זאגט מען טאקע איין און ניינציג. אבער אויב מען רעדט פון א **יחוד** אין **חודש תשרי**, אזא שלמות הקדושה פון **צען מדריגות פון קדושה**, דארף מען עס רעכענען צען מאל איין און ניינציג; און צען מאל איין און ניינציג איז דאך ניין הונדערט און צען (910), וואס איז די גימטריא פון "**תשרי**".

דערפאר הייסט דער חודש תשרי, ווייל מען טרעפט דארט דעם ניין הונדערט און צען - א זמן ווען מען איז ממשיך דעם יחוד פון הוי"ה אדנ"י אין אלע עשר קדושות. בפרט ווען עס קומט אן יום כיפור, דעמאלטס לייכטן שוין אלע עשר קדושות אויף איינמאל. ממילא איז דאס דער פשט פון "**עשרת** ימי תשובה", אז די תכלית איז אנצוקומען צו א בחינה פון **צען** מאל די מדריגות הקדושה.

לויט דעם יסוד טייטשט דער **מאור ושמש** אויס מורא'דיג אינטערעסאנט. אין די וואכעדיגע פרשה, אויף א גאר שרעקעדיגן פסוק. דער אייבערשטער זאגט דארטן: "כי דור תהפוכות המה בנים לא אמון בם". פארדעם הייבט זיך אן: "אסתירה פני מהם ואראה מה אחריתם". מען זעט דאס איז זייער שרעקעדיג; מען האט דאך שוין געוויינט ביי די סליחות ערב ראש השנה "לבטל מהם כתוב אסתירה".

זאגט דער הייליגער "מאור ושמש": דער פסוק זאגט דא ארויס "ויאמר" - קודם האט דער אייבערשטער געטראכט "אסתירה פני מהם". לויט ווי מען האט זיך אויפגעפירט און לויט ווי מען האט געזינדיגט, וואלט עס שוין געדארפט זיין א הסתר פנים. אבער איך גיי עס נישט טון. דאס האב איך נאר "**געטראכט**"; "ויאמר" איז א לשון פון "ויאמר בלבו". וואס איך האב געטראכט "אסתירה פני מהם" ווייל דאס יאר האט אויסגעזען ווי עס האט אויסגעזען, אבער דאך, איך האב באשלאסן אז **איך גיי עס נישט**

**טון**. פארוואס? ווייל "אראה", איך וועל קוקן "מה אחריתם", וואס וועט זיין צום סוף. וואס איז דער סוף? פונקט פארקערט, מען ווערט צוריק נתקרב צום אייבערשטן; מען זעט אז אפילו אין דעם שווערן, טיפן גלות **טוט מען תשובה און מען איז מייחד דעם אייבערשטנס נאמען**. אז איך קוק וואס עס וועט זיין צום סוף, פארוואס זאל איך חס ושלום באהאלטן מיין פנים פון זיי?

קומט דער פסוק מסביר זיין: וואס טוען זיי צום סוף? וואס טוען זיי צום סוף יאר ווען מען איז מקבל עול מלכות שמים? "כי דור תהפוכות המה". דאס ווארט "**תהפכת**" מיט די פינף אותיות באטרעפט פונקט ווי "**תשרי**" - ניין הונדערט און צען. זיי שטייען און זענען ממשיך די עשר קדושות, און דורך דעם **זענען זיי ממתיק אלע דינים און גבורות לטובה**. און דער פסוק פירט אויס: "בנים לא אמון בם". "אמון" ווערט געשריבן א' מ' און ענדיגט זיך מיט א נו"ן, דאס באטרעפט "איין מאל" **איין און ניינציג**. עס זענען נישט אזעלכע וואס מאכן "נאר איין מאל" 91 כדי יוצא צו זיין מיט איין מאל א יחוד. ניין, עס איז "**תהפכת**" - זיי מאכן "צען מאל-איין און ניינציג", איין שטיק יחוד מיט קדושה. דער אייבערשטער זעט וואס אידישע קינדער טוען אין די גרויסע עבודות פון די בחינה פון עשרת ימי תשובה, די עשר קדושות, אז עס איז א "דור תהפוכות". פאר אזא "אחריתם" וועט דער אייבערשטער זיכער, בשום אופן נישט, מאכן חס ושלום א "אסתירה פני מהם".

ממילא האבן מיר דא שוין א דריטן פשט אין דעם מהלך פון די גמרא, אז "עשרה ימים" זענען טעג ווען מען איז פארנומען **צו מאכן די גרויסע יחודים פון די צען קדושות**.

### "קעפל אינ'ם סליחות..."

לויט דעם "מאור ושמש" קען מען בדרך צחות פארענטפערן דעם קעפל וואס איז געדרוקט אין די סליחות. הגם ס'איז שווער צו וויסן וועמען מען דארף זיך פלאגן דא צו פארענטפערן – צי דעם מחבר אדער דעם מדפיס – אבער אין די סליחות שטייט יעדן טאג וועלכע סליחות עס געהערט אהין; עס שטייט "ליום ב' פון עשרת ימי תשובה", "ליום ג'", "ליום ד'". דאס איז לכאורה נישט ריכטיג, ווייל דער "צווייטער טאג" פון "עשרת ימי תשובה" איז דאך דער "צווייטער טאג ראש השנה," און דער דריטער טאג איז צום גדליה. עס קוקט אויס ווי דער מדפיס פון די סליחות האט אנגעהויבן צו רעכענען די עשרת ימי תשובה ערשט פון צום גדליה אן, אבער דעמאלטס קומט עס דאך נאר אויס צו זיין פינף טעג. אבער לויט דעם פריערדיגן יסוד קען מען עס מיישב זיין: "**עשרת ימי תשובה**" מיינט די **ימי תשובה** וואס מען איז פארנומען מיט די "**עשרת**" – צו זיין א "דור תהפכת", צו מאכן די יחודים אין אלע מדרגות הקדושה וואס מיר פשוט'ע אידן טוען דורך אונזערע מצוות. די מצוות וואס מען הייסט אונז טון, די הייליגע מנהגים, די הייליגע ווערטער וואס מיר זאגן – מיר גלייבן מיט אונזער אמונה פשוטה אז "בנים אתם לה'", און אז דורך דעם ציט מען אראפ די אלע גרויסע עבודות און די המתקות פון די עשר קדושות. דאס ברענגט טאקע אז חודש **תשרי**, זאל ממשיך זיין א "כולן יהא שרן", א שלימות'דיגע מחילה, עס זאל זיין א כח פון "תשרי", און עס זאל אויפבינדן אלע שלעכטע כוחות. דאס איז דער תכלית פון די גאנצע עבודה פון די הייליגע מצוות אין די געוואלדיגע זמנים.

**גמר חתימה טובה**


להאזין ולהתענג משיעורי קול שיחתי

שיעורים קצרים מדי יום ביומו
ושיעורים מדי שבוע בשבוע



אמעריקע: 605-477-5551
ארץ ישראל: 073-388-6653
אייראָפּע: 44-333-070-6593



פאר הערות, הוספות, נדבות, און באקומען דעם גליון אויפן אימעיל:

אימעיל:
machonsichoosi@gmail.com
טעלעפאָן:
605-477-5551,7